**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/6/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט טריט צו ווייטער שטערקער מאכן ניו יארק׳ס לאנד-ווענגווייזיגע סעקסועלע באפאלערישקייט פארמיידן פּאָליסי**

***ניו יארקער ווערן פארבעטן ארייַנצוגעבן מיינונגען אויף צו פארשטערקערן באשיצונגען***

***מיינונג-מיטיילן פארעם צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז דער ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט וועט אַפּדעיט׳ען איר לאנד-ווענגווייזיגע סעקסועלע באפאלערישקייט פארמיידן פּאָליסי. דער דעפארטמענט פארבעט ניו יארקער איינצוגעבן מיינונגען אויף ווייטער שטערקער צו מאכן ארבעטספלאץ באשיצונגען. דאס בויט אויף דער גאווערנער׳ס אנגייענדע באמיאונגען צו פארבעסערן דורכזעעדיגקייט און העכערן פאראנטווארטליכקייט אין דעם ארבעטסקראפט.

״דער מאמענט אין וועלכע איך בין אריינגעקומען אין אמט, האב איך פארשפראכן צו מאכן דעם ארבעטספלאץ א מער זיכערע, מער רעספעקטפולע, און מער צוזאמארבעטנד איבער גאנץ ניו יארק סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״פון אינגאנצן איבערארבעטן אנטי-באפאלערישקייט טרענירונג פאר סטעיט ארבעטער ביז אונטערשרייבן א פעקל לעגיסלאציע צו אדרעסירן ארבעטספלאץ באפאלערישקייט און דיסקרימינאציע, האבן מיר גענומען מערקווירדיגע שריטן צו פארשטערקערן באשיצונגען קעגן דיסקרימינאציע און באפאלערישקייט. איצט מוטיג איך יעדן ניו יארקער איינצוגעבן זייער מיינונג אויף צו באשיצן ארבעטער און העלפן פארזיכערן אז ניו יארק פירט ווייטער דעם לאנד אויף באפאלערישקייט פארמיידן.״

די איצטיגע [סעקסועלע באפאלערישקייט פארמיידן פּאָליסי]() איז איינגעפירט געווארן אין 2018 און דארף ווערן איבערגעקוקט יעדע פיר יאר לויט די לעגיסלאציע. אזוי ווי די השפעה פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע האט ווייטער שטארקע ווירקונגען אויף ארבעטספלעצער, טוען די גאווערנער און דער ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט איבערקוקן דעם איצטיגן פּאָליסי אויף צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן די מערסט פולקאמע באשיצונגען מעגליך בשעת׳ן זיין אויפ׳ן דזשאָב.

אנגעהויבן פון איצט ביז סעפטעמבער 20, 2022, קענען ניו יארקער אריינגעבן מיטגעטיילטע מיינונגען דורך דעם [זיכערן פארעם](). NYSDOL פירט אויך איין א מולטי-פלאטפארמע פובליק באוואוסטזיניגקייט קאמפיין, אריינגערעכנט [דער ווידעאו](), אויף צו מוטיגן ניו יארקער אנטיילצונעמען אין דעם וויכטיגן פראצעס.

NYSDOL וועט אויך אַפּדעיט׳ען די איצטיגע מוסטער [סעקסועלע באפאלערישקייט טרענירונג ווידעאוס](), איינקערפערן רעמאָוט ארבעט, און אריינגעמען די לעצטערע ענדערונג צו דעם מענטשן רעכט געזעץ וועלכס פארברייטערט באשיצונגען אויף פובליק ארבעטער, אריינגערעכנט שטאב מיטגלידער פון

ערוועלטע באאמטע און די יורידישע אינסטאנצן, פון סעקסועלע באפאלערישקייט אין דעם ארבעטספלאץ.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״די פאנדעמיע האט אויף אייביג געענדערט דעם ארבעטספלאץ. אזוי ווי מער און מער ניו יארקער ארבעטן פונדערווייטנס, אדער אין פילע פעלער ארבעטן האלב אויף האלב, איז וויכטיג פאר אונז איבערצוקוקן מיט פארזיכטיגקייט די איצטיגע סעקסועלע באפאלערישקייט פּאָליסיס וועלכע פארזיכערן אז אלע ניו יארקער, אפגעזען וואו זיי אפערירן, באקומען ווייטער די פולסטע באשיצונגען בשעת׳ן זיין אויף דעם דזשאָב אין סיי וועלכע סביבה. איך מוטיג אלע ניו יארקער אנטיילצונעמען אין דעם אריינגעמיגן פראצעס.״

**אפטיילונג פון מענטשן רעכט קאמיסיאנערין מאריע אימפעריעל האט געזאגט,** ״איך אפלאדיר דעם העכסט-נייטיגן באמיאונג פון NYSDOL. טראצדעם וואס ניו יארק סטעיט האט געמאכט מערקווירדיגע פארשריטן אין אויסראטן די מכה פון סעקסועלע באפאלערישקייט, איז נאך דא אסאך ארבעט צו טאן. מיר מוטיגן יעדער ארבעטער און ארבעטסגעבער אונז צו זאגן וויאזוי מיט קענען בויען בעסער, מער יושר׳דיגע, און מער אריינגעמיגע ארבעטס-פלעצער פריי פון סעקסועלע באפאלערישקייט איבער׳ן גאנצן סטעיט.״

יעדער ארבעטסגעבער אין ניו יארק סטעיט מוז איינפירן א [סעקסועלע באפאלערישקייט פארמיידן פּאָליסי](). אן ארבעטסגעבער וועלכער פירט נישט איין דעם NYSDOL מוסטער פּאָליסי מוז זיכער מאכן אז די פּאָליסי וואס זיי פירן איין קומט נאך אדער שטייגט איבער די פאלגענדע מינימאלע סטאנדארטן, וועלכע מוזן:

- פארבאטן סעקסועלע באפאלערישקייט אין איינקלאנג מיט אנווייזונגען ארויסגעגעבן דורך NYSDOL אין באראטונג מיט דער אפטיילונג פון מענטשן רעכטן.
- צושטעלן ביישפילן פון פארבאטענע געפירעכץ וואס וואלטן פאררעכנט געווארן אומגעזעצליכע סעקסועלע באפאלערישקייט.
- אריינרעכענען אינפארמאציע איבער די פעדעראלע און סטעיט שטאטוטליכע פראוויזיעס איבער סעקסועלע באפאלערישקייט, היילונגס-מיטלען פאראן פאר קרבנות פון סעקסועלע באפאלערישקייט, און א סטעיטמענט צו לאזן וויסן אז עס קען מעגליך זיין אנווענדליך ארטיגע געזעצן.
- אריינרעכענען א קלאגע בויגן.
- אריינרעכענען א פראצעדור פאר א באצייטנסדיגע און קאנפידענציעלע אויספארשונג פון קלאגעס וועלכס פארזיכערט א יושר׳דיגע פראצעס פאר אלע פארטייען.
- לאזן וויסן באשעפטיגטע איבער זייערע רעכטן אויף צו זוכן פאררעכטונג און יעדע אופן פאראן פאר אנטשיידן סעקסועלע באפאלערישקייט קלאגעס סיי אין אן אדמיניסטראטיוון הינזיכט און סיי יורידישן.
- קלאר ארויסזאגן אז סעקסועלע באפאלערישקייט ווערט גערעכנט א מין ארבעטער אומאויפפירעכץ און אז שטראפן וועלן באשטימט ווערן קעגן יחידים וועלכע באגיין סעקסועלע באפאלערישקייט און קעגן סופערווייזער און פארוואלטער פערסאנאל וועלכע טוען באוואוסטזיניג ערלויבן די סארט אויפפירעכץ.
- קלאר ארויסזאגן אז נקמה שריטן קעגן מענטשן וועלכע געבן איין קלאגעס פון סעקסועלע באפאלערישקייט אדער וועלכע זאגן עדות אדער העלפן אין סיי וואספארא אויספארשונג אדער פראצעדור איבער סעקסועלע באפאלערישקייט איז אומגעזעצליך.

גאווערנער האוקול מוטיגט ניו יארקער זיך צו באקענען מיט זייערע רעכטן איבער סעקסועלע באפאלערישקייט אין דעם ארבעטספלאץ. ניו יארק סטעיט האט עטליכע אָנליין הילפס-מיטלען פאר

ארבעטער און ארבעטסגעבער, ווי אויך א 'אפט געפרעגטע פראגעס' בלאט צו געבן אנווייזונגען פאר ניו יארקער איבער די טריט וועלכע זיי קענען נעמען אויב זיי ווערן געמאכט ליידן ביים ארבעטספלאץ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418